STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02918

MAYN DRANG

Rubin Schtrubel

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ראובן שטרובעל

מיין-דראנג

לידער

ארויסגעגעבן פון
שפרה שטרובעל ביים זשורנאַל „אויפסניי"
תשב״א — ניו יאָרק — 1961

"MY DRANG"

POEMS

BY RUBIN SCHTRUBEL

●

אַריינפיר וואָרט — דוד ראַפּאָפּאָרט

ביאָגראַפישע שטריכען — שלמה גרינשפּאַן

שערבלאַט און אילוסטראַציעס — שפרה שטרובעל

●

ISSUED BY:

SCHYFRA SCHTRUBEL

1276 GRAND AVE.

BRONX 56, N. Y.

ראובן שטרובעל ע״ה

1913 — 1958

דער נאָך-נישט צעעפּענטער קנאָספּ

אַן אויסגעוואָרצלט יונג ביימל פון יידיש-פּוילישן וואַלד, פאַרוויסט, צעריסן און צעשלאָגן פון אַנטמענטשטע מערדער, איז ראובן שטרויבעל געקומען אויף די קאַלטע שטיינערנע ניו יאָרקישע גאַסן חלומען דאָס ליד.

אין אים איז געווען דער דראַנג ארויסצוזינגן זיינע ליידן, זיינע פּיינען, זיינע פאַרברענטע, פאַרפּייניקטע יוגנט, וואָס ער צוזאַמען מיט יידישן פאָלק האָבן געליטן אין די בלוט און שטורם אָרגיעס פונעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט.

זיין דראַנג צום ליד איז געווען זיין לעבנס-געראַנגל. און געראַנגעלט מיטן ליד האָט ער זיך פאַר אַ זין, ציל און אָנהאַלט אין זיין טראַגיש מיסטעריעז לעבען.

פון יענער זייט האָט ער מיט זיך געברענגט אַן אויסגע-פּאַטשטן געמיט און אַ צובראָכענעם קראַנקן קערפּער און דעם פייערדיקן גלי אין האַרצן פון וואָס פּאָעזיע ווערט געשאַפען.
פאַר זיינע איבערלעבונגן האָט ער געזוכט געשטאַלטונג אינעם פערז פונעם ליד.

באַקענעדיק זיך הי מיט דער מאָדערנער יידישער פּאָעזיע— און ער האָט פיל געלייענט און געלערנט — האָט ער זיינע ערשטע פּרואוון אָפט איבערגעשריבן, וואַריאירט, געשליפן און געיעטעט דאָס וואָרט — אינעם דראַנג און געראַנגל צו שלימותדיקייט.

אין דער וועלט פון פּאָעזיע באַווייזן זיך גרויסע דיכטער מיט זייער ערשטע אָנהייבן, אַנדערע דאַרפן צייט און פּערספּעק-טיווע אויסצובריען און אויסצושעפן דאָס ליד.

ראובן שטרובעל האָט באַלאַנגט צו דער צווייטער שיטה. אדרבא, לייענט זיינע אָנגעוואָרפענע שורות פון נישט פאַרענ-דיקטע לידער וואָס ער האָט געשריבען אין די לעצטע טעג פון זיין יונג אויסגעלאָשן לעבן.

פונקט ווי זיין לעבן אַזוי איז זיין ליד — אַ נאָך־נישט צע־עפענטער קנאָספּ.

די לידער זיינען דאָ געדרוקט אַזוי ווי דער יונג־אַוועק־געגאַנגענער דיכטער האָט זיי געשריבן.

דאָס קליינע ביכעלע דערשיינט אויפן פאַרלאַנג פון דער טרייער און איבערגעגעבענער אלמנה זיינער שפרה — אגב, אַ זייער באַגאַבטע קינסטלערין — וואָס האָט אויך געמאָלן די אילוסטראַציעס און שער־בלאַט צום בוך, און אַ דאַנק דער מיט־הילף פון מר. און מרס שמואל און אסתר וואַנדערסמאַן, די סימפּאַ־טישע און פאַרשטענדיקע שוועסטער און שוואָגער פונעם דיכטער.

דער יונגער שריפטשטעלער שלמה גרינשפּאַן — ראובן שטרובעלס אַ גוטער חבר און אויך פון די ניו יאָרקישע ליטע־ראַרישע קרייזן — האָט פיל מיטגעהאָלפן מיט ראַט און טאַט, אַז דאָס ביכעלע פון אַן אויסגעלאָשענעם יונגן קאָלעגע זאָל דערזען דאָס ליכט פון טאָג.

ביים לעבן האָט ראובן שטרובעל געחלום׳ט פון אַרויסגעבן אַ זאַמלונג פון זיינע לידער. ער האָט זיך אַפילו וועגן דעם פאַר־בונדן מיט קאָלעגן שרייבערס אין אַרגענטינע, אָבער ס׳נישט באַשערט געווען זיין גורל דאָס צו דערלעבן.

זאָל „מיין דראַנג״ בלייבן אַלס אָנדענק פון דיין טראַגיש יונג לעבן מיין טייערער קאָלעגע און חבר ראובן שטרובעל: — דיין חלום — דיין ליד!

דור ראַפּאַפּאָרט

יאַנואַר 1961

באַשערטקייט

כ׳שטעך מיין איטערדיקן בלאָטער אויף,
ווער נאָך ווי איך פילט דעם טיפן וויי
אינמיטן פון מיין לעבנסראַד־געלויף
דורך פיין און שטומען אויסגעשריי...

אַ בלינדער כ׳שלייך ביי שאָטנדיקע ווענט,
וואו אומבאַוואוסטע בענקשאַפט ציט —
כ׳גלויב דורך מיינע זעענדיקע הענט
וועל איך אַרויסקומען אין דער מיט...

און זינגען וועגן מיין גרויזאַמען שיקזאַל,
אַנדערש האָט מיין לעבן קיין שום ווערט;
ווי אַ שפּרינגפעדער צוריק צו דיר איך פאַל
ס׳אפילו שטאַרבנדיק צו זינגען מיר באַשערט...

די לעצטע פיר שורות פון דעם ליד זיינען אויסגעקריצט אויף דער מצבה פונעם דיכטער, וואָס האָט געפונען זיין רו אויף דעם בית דוד בית עלמין אין ניו דזשוירזי פון די בענדין־סאָסנאָוויצער לאַנדסמאַנשאַפט.

ראובן שטרובעל איז געשטאָרבן אין ניו יאָרק דעם 26טן אָקטאָבער 1958 — כ״ד, תשרי תש״ט, — אין עלטער פון 45 יאָר.

פון רחבותדיקן שניט

כ׳מוז אייך זאָגן דעם פולן אמת
מיין וואָרט, מיין ליד מיך בריט און בריט
כ׳טראָג אין האַרצן זריעה עמערס
פון מיין לעבנס יוגנט — צוויט.

כ׳שטיי האָפנונגפול און בעט
אין גערעטעניש אין בליט,
אַז ברויט זאָל רייפן צו דער זעט
פון רחבותדיקן שניט...

ווינטן

אַ בייזער ראָד
דאָ און דאָרט
געצאַפּלט האָט
אין קאַראַהאָד

ווי געביסן, זיך געריסן
ווי געשיכורט און געהוליעט
און ברוטאַל זיך געקלאָריעט
אין געיעג.

איבער וועגן, איבער בריקן
אַלץ דורכגעזעצט.
און געצאַפּלט און געוואיעט
אָן אַ סוף און אָן אַן עק.

מיין דראַנג

פון אייביקייט אָן, שטערט מיר מיין רו,
ער וועקט און רעגט מיין גייסט;
צי איז דאָס אַ שונא, וואָס לייד זאָגט מיר צו,
צי אפשר אַ פריינד גאָר. ווער ווייסט?...

ער לאָקט מיט הבטחות — כ׳וועל באַקומען אַ סך;
נאָר ווער ווייסט, — וועט ער האַלטען זיין וואָרט?
דערווייל איז דער תיקון אַ פאַרהוילענע זאַך,
וואָס כ׳האַלט אין איין זוכן פון אָרט צו אָרט.

בילדט זיך אַזוי זיין דערקענונג צו מיר
כאָטש גיי מיטן גוף אויף די גלייכע ווענט;
ווען אונטער מיר פלאַמען־געברויז אָן אַ שיעור —
איך הענג איבער זיי און ווער ניט פאַרברענט...

און פאָרט איך שמייכל זיך הכנעהדיק אים איין,
און שענק אים אַ ליבלעכן וואונק.
נאָר אַז באַקומען, כ׳וועל צעשטערן אים אויף שטיין
און ווייזן אין שפּאָט אַ לאַכיקע צונג...

טאָג ביי טאָג

כ׳טראָג קיין באָרד און פּאות,
קיין תהילים נישט איך זאָג;
דאָך טיף אין מיר ברענט
דער אמת טאָג ביי טאָג...

פון אויג מיינס רינט קיין טרער,
פון ברוסט נישט קיין געוויין;
מיין צער ווי גרויס און שווער —
ווייסטו נאָר גאָט אַליין...

כ׳טראָג קיין באָרד און פּאות
קיין תהילים נישט איך זאָג;
דאָך שטייגט אין מיר הויך
דער וואָר טאָג ביי טאָג.

כ׳בין היינט אַ גערטנער

כ׳בין היינט אַ גערטנער אין מיינע ליכטיקע טעג
און אַ גאָרטן פאַר מיר איז די גאַנצע וועלט, —
אַ שניטער וואָס זאַמלט היינט איין זיין פאַרמעג
מיט דינינקע שטראַלן באַהעלט.

און וואו נאָר איך גיי, וואו נאָר איך קום;
צעזינגען זיך העלע ניגונים אין מיר,
זינגען אָן ווערטער אויף לשון וואָס שטום
און לייזן זיך אויף אַניף פאַפּיר —

מיט דער הילף פון אַ פעדער און בליי
דער ניגון באַתיקונט אין לבוש פונעם וואָרט —
געזעטיקט פאַרשווינדן אַ ריי נאָך אַ ריי
און נייע פאַרנעמען דערנאָך זייער אָרט...

ים שטורם

צעווילדעוועטע כעסן און שטורעם-בראַנדן
וואַסער-לאַווּעס ברעכן האַסטיק אויס,
צאַרנדיק פּעכטן טורעמס קעגן טורעמס;
מיט ווייספּייערדיקן פלאַמען-געברויז.

די שיף פאַרזינקט אין הילכיקע טומאַנען,
ימען טויכן אויף צעפּאַכעטע מיט תהומיקע געווייען;
כוואַליעס ווי ענדלאָזע-ציכן שווענקען זיך אין אירע ראַנדן
איינע שפּייט די צווייטע אויס מיט שוימיקע געשרייען.

ס׳שטייגן אויף וואַסערן בלוילעך-גרין און שאָטנדיק,
שטייגן גיגאַנטיש און מערן זיך אין צאָלן;
זיי גערוישן צו פאַרקנאַפּטע האָריזאָנטן
און פלאַכן ווידער מיט זיך גיריק צו די טאָלן.

ווינטן, רוישיק-גרויע ווי בלאָנדעקעס, ס׳פייפן אוראַגאַנען,
ווייטקייט קוקט ווי דורך פאַרווייַנטע שויב וואָס טרויערט;
דונערן און בליצן וואָס חתמען זיך מיט פייער,
שטעלט אָפּ די שיף אַ צעשראָקענע אין געפאַרן איינגעמויערט...

אין בהלה

אָפּגעטיילט פונעם קערפּער אויפן ראַנד פון אַ ברונעם
געליגן אַ קאָפּ איז מיט באָרד אויסגעשפּרייט, —
פון זיין פּיינפולן מיט בלוט פאַרגאָסענעם פּנים
גערעדט האָט אַ ייִד און אַ ייִד האָט דאָס אייך דערציילט,

אין יסורים געשלאָסן געווען זיינע אויגן, —
דער הימל האָט דעם ייִדן אַ הספּד געמאַכט.
אַ רעגן־געוויין אין זילבערנע שנירלעך געצויגן
האָט דעם ייִדען צו אייביקע קבורה געבראַכט.

ראָרט אויף די שליאַכן ניט ווייט פונעם טייכל
צווישן גראָזן צווישן גרינע האָב איך דאָס געזען,
נאָר אונטער האָגל פון פייער האָט צעשראָקענער ווייסל
ניט באַנומען וואָס מיט דעם ייִדן איז געשען.

אַ בלוטיזער קאָפּ אָן אַ קערפּער אויפן ראַנד פון אַ ברונעם
אַ קאָפּ פון אַ ייִדישן זקן מיט באָרד אויסגעשפּרייט
פון זיין בלוטיק מיט וואונדן באַדעקטן פּנים
גערעדט האָט אַ ייִד און אַ ייִד האָט דאָס אייך דערציילט.



מײן הײם-שטאָט בענדין

אָ שוואַרצע פּרעמשע כ׳קום אָפּט אין דמיון צו דײַנע ברעגן אַ הין
וואו אויפגעגאַנגען איז דער חלום פון מײן ערשט יידיש ליד,
אויף ערד אויף פּוילישער צעוואָרפן איז מײן הײם-שטעטל בענדין
וואו איך דאָס ערשטע מאָל דערפילט אַז איך בין אַ ייד.

כאָטש ס׳איז צעשטערט געוואָרן מיר אַלץ וואָס כ׳האָב אַמאָל
ביי דיר געקליבן
און אָנגעזאַמלט אין מײן יונגן און נאַיוון האַרץ
ס׳איז פון דעם אַלעם מיר אַ טיפער טרויער איצטער נאָר
פאַרבליבן
און זײנע פליגל שווערן אַרונטער פינצטער שוואַרץ...

דאָך וועל איך קײנמאָל אין מײן לעבן ניט פאַרגעסן דיך בענדין
כאָטש אַזוי קלײן ווי דו ביסט, דאָך זײנען קאָלאָסאַל דײנע
וואונדער
ניטאָ אַזאַ ישוב אויף דער וועלט וואו ס׳זײנען ניט פאַרטראָטן
דײנע זין
ניטאָ אַזאַ ישוב אויף דער וועלט וואו ס׳זײנען ניט אויסגעשפּרייט
דײנע יידישע קינדער.



אבותדיקע ערד

די העלדישע בויער האָבן אונדז דעם הייליקן נס אָנגעצונדן,
דער איצטיקער טאָג איז — די אייביקע בענקשאַפט פון זייער
אַמאָל.

פון גלות, קנעכטשאַפט און וואַנדער מיר זענען אַנטבונדן,
ס׳פאַרנעמט אונדזער בלוט אייער רוף, אייער מאָנענדיק קול.

דאָס גאולה־לאַנד ליכטיקט אַריין איצט אין אור־אייביקייטן,
און וואַקסט זיי אַריבער באַגלייט פון פאָרויסן פון צייט.
עס גייען אויף שטאַמען פאַראַקערטע אין אבותדיקע בייטן,
דער בראשית ווו ס׳ווערט די געשיכטע דורך בויער איצט
ווידער באַנייט.

קיין שונא אין וועלט וועט אונדז מער שוין נישט קאָנען צעשטערן,
מיר טראָגן אומבויגזאַם די לאַסט אינם דורות־גאַנג פעלזיק
און שווער.
מיין פאָלק איז געשטאַרקט און ס׳וועט ווייטער אַלץ שטאַרקער
נאָך ווערן,
דער כוח, וואָס וואַקסט, קומט פון בענקשאַפט, פון אונדזער
אור־אבותדיקער ערד.

אַנטוישונג

מיין פריינד דעם יונגן דיכטער א. ק: אויף וועמען דער טויט איז
פריציטיק ארויפגעצווינגן געוואָרן

וויַ אַ קינד וואָס דאַרף קריגן געשלאָגן פון אייגענעם פאָטער
לויפט די קלעפּ שנעל אַנטקעגן, אַנטקעגן כדי זיך פון זיי
צו באַפרייען
אַזוי איז ער נעבעכדיק געוואָרן אַנטוישט אין ממשותדיקן
צויבער־טויט —

אַריבער זיך...
נישט אַזוי ווייט געוואָרן ווי שוין געמוזט ווערן
ווייל סיי ווי סיי האָט ער זיך שוין געהאַט איינגעביסן אין
זיין לעבן...
איז ער האַסטיק געלאָפן שנעלער ווי שנעל אים אַנטקעגן
מיט הכנעהדיקע ליבע זיך וואָרעם געשניטן אונטער זיין הויט
מיינענדיק אז אַזויערנאָך וועט ער זיך פון אים באַפרייען.
אָבער טויט איז אַכזריותדיק און אייז־קאַלט
האָט אים נישט פון זיינע — טויטס פליכטן באַפרייט —
איז אים געוואָרן אַטעמלאָז־שווער
פון אייביק־גסיסהדיקן נישט אַ הין און נישט אַהער
וואָס האָט אים איינגעקלעמט אין זיינע באַצווינגענדיקע קאָרבן
נישט באַהאַרצט צוריק אים דאָס לעבן
און נישט געלאָזט אים רואיק שטאַרבן —
ווייל ער האָט געהאַט אַ דראַנג איבערצוגעבן
די איינדרוקן און געפילן פון לעבעדיקן־טויט..
און פון טויטן־לעבן...
אָבער טויט איז גרויזאַם און קאַלט
און האָט אים ווידער נישט באַפרייט
כדי צו פאַרווישן אַלע שפּורן, אַלע באַווייזן
געגן זיך. אַזויערנאָך איז ער אַרויס דער געזיגטער צד
און זאָגט: אין נאָמען פון גערעכטיקייט,
אין נאָמען פון לעבן בין איך דער גרעסטער
דעמאָקראַט...!

צייט

אין בליאַסק פון מאָרגנשטערן
אויפגיין זאָל מיין טאָג היינט,
ווי אַ תפילה אינעם געבעט —
דערהערט צו ווערן.

און אויף אַלע אַנטקעגנס וואָס מיר געגעגענען
אַרויפשיינען זאָל איך מיט אָפּבילד
פון אַלע הימל־בלויענישן, וואָס כ׳האָב
אַ לעבן־לאַנג איינגעזאַפּט אין זיך
דורך אויגן אייביק דורשטיקע צום זען,
וואָס בעטן רחמים אַז טעג פוסטע;
זאָלן זיך ניט ציילן...

זאָל געמינערט ווערן אַ רגע פון צייט, וואָס אייביקט, —
און קומען כ׳וועל צו איר אַן אויפגעלייזטער
ביז ענדלאָזע סופן, וואָס פאַרנעמען טויב
אַלע פיין אין אייביקן בייט, דורך צייט
פון ערדישן זיין....

באַגינען

מיט פולע פֿאָלעס פרישע האָפֿענונגען
שפּאַן איך דעם פרימאָרגן אַנטקעגן
עס רופֿט דעם טאָג מיט טרייען בליק
אויף הכנעהדיק אויסגעשפּרייטע וועגן.

עס בליט אויף די זון פול מיט נייגער,
שיקט בליקן פול מיט חידוש צו מיר. —
באַוויזט זיך פֿאַמעלעך אין נייעם געשטאַלט
און באַגריסט יעדעס הויז, יעדע טיר.

טובלט זיך דאָס דערפֿל מיט די הייזלעך;
טובלט זיך דער בלויליכער טומאַן
און שיקט געטובלט ליכט צום וואַלד,
צו באַגעגענען העלקייט אויף יעדן שפּאַן.

דאָס קאָלייקעלע און וואַלד

פון דער הויפּטמיל און פאַבריק
אַ באַפעל עס האָט באַקומען;
קומט עס לער — און אָט צוריק
פולע וואָגענדלעך גענומען.

פול געלאָדנט, אָנגעפּאַקטע
מיט אַרטיקלען גאַנצע צווייַ;
טאָרף און דין פון האָלץ צעהאַקטע
שטיקלעך העלצלעך פירן זיי.

שטיקלעך העלצלעך בלייכע קנאָכן
מאַסן אויסגעשטרעקטע הענט
ס׳גייט אַן אַרבעט לאַנגע וואָכן
בעת ס׳איז הייס, און זון ברענט.

גרייט מען זיך צו ווינטער צו
פול ביז גאָר דער מאַגאַזין
כדי ס׳זאָל ווערן, וואָס אַ שעה,
אַ פולער טראַנספּאָרט פאָרט אַ הין.

אַ קאַראַוואַן שרעקליך שווער
אויף די רעדלעך קוים ער גייט;
ווי ביז איצט — נאָר איצטער מער
מ׳האָט אויף אים אַרויפגעלייגט.

ווייל אויף וועג שוין ליגן בלעטער
אַראָפּגעפאָלענע פון בוים...
אַן אָנזאָג פון צייט און וועטער
צייט געבליבן קורץ איז קוים.

האָט מאַשינדל זיך גענומען
און די כוחות אונדז באַוויזן;
איידער ווינטער איז געקומען
ריין פון חוב שוין איז געוויסן.

איך פאַרליר איך

איך פאַרליר איך אַלע מיינע
אַמאָליקע גוטע פריינט,
אין אַ ליכטיק צעעפנטן טאָג,
ווען די וואונדער גייען אויף די וועגן
אַזוי העל, אַז אפילו אַ נאָדל
קאָן אין ליכט נישט פאַרלוירן גיין.
ווייל מיטן זומערדיקן בלענד
צעצינדט דער גרויסער טאָג זיך
אין די אויגן פון דער וועלט.

ווען איך גיי מיט אייך,
איר שווערט ווי אַ משא מיינע אַקסלען,
בין איך דעמאָלט טאָפּלט איינזאַם.
אַזוי, איר פאַרשווינדט מיר
ווי דאָס ליכט אין דער שטיל,
צוזאַמען מיט דער בידנער פּרוטה
וואָס פאַרלירט מיין צעלעכערטע טאַש.

אויפן הימל

זיי וואַכן איך גאַנצע מחנות פונם ווייסן שלאָף —
פאַרוואָרטע פון צווישן שלייערן און וועלאָנען.
די באַיאָרטע מיט פאַרוואָלקנטע ברעמען,
די זקנים מיט די דרך־ארצדיקע בערד —
פאַרקלערטע, פאַרביטערטע, און נעמען וואַנדערן
האַסטיק — וועג איין, וועג אויס.

פון זייערע שטרענג אַנטשלאָסענע בליקן
טריפט דער שטומער צער אַראָפּ אויף דער ערד —
פאַראבלטע טרערן וואָס בלאָנקען אויף אָפענע טראַקטן
און קאָנען קיין קברים ניט געפינען.

קברים שוועבן אין די לופטיקע, אָן־סופיקע ספערן
טיפט דעריבער דער אַש־גרויער טרויער נאָך קדושים,
אויסגעשפיגענע דורך פייער וואָס האָבן דערלייזונג,
פון זייער פיין אין טויט געפונען.

און קדיש ווערט געזאָגט צום פוסטן חלל,
וואָס וויטיקט אויס יסורים אָנגעטוענע דורך רוצחים. —
ס'אייביקט אין אונזערע הערצער
אַ נר־תמיד פון האַס...

אויפלעבונג

איך קען לעבן און ליידן —
גאַנצענע וועלטן לייד,
און ס׳וועט אַ מענטש מיך ניט דערמאָנען
אויב ער וועט זיך ניט אַנטפּלעקן אין פרייד.

און אַז ער וועט זיך יאָ אַנטפּלעקן
דעמאָלסט וועלן מיך מענטשן געוויס דערמאָנען;
נאָר ווי גרויס זיי זענען אַמאָל געווען
קען נאָר די צוקונפט אָנען.

און כאָטש כ׳וועל איר העלפן וועגן זיי דערציילן
— אַמבעסטן וויסן וועל איך אין מיר;
פון דעם פאַרבאָרגענעם, פון מיין לעבן און ליידן
פאַרשלינגען וועט די אייביקייט אָן אַ שיעור...

שורות פון לידער און געבוירן ווערן

גאָלדיק כוואַליעט זיך די לופט אין קילן דעמער
פון צאַרטע ווינטעלעך שטראָמט אָוונט רו
אויפן הימל לייגן זיך שלאָפן די לעמער
קייטן בערג דעקן האָריזאָנט צו.

כ'וועל זיך גאָרניט שעמען
און זיך אויסטאָן נאַקעט פאַר דער וועלט
כ'וועל מיט אויפגעהויבענע ברעמען
דערציילן וואָס מיך קוועלט.

דו ביסט צופעליק מיין לעבן,
ווי דער גורל אויף דער לאָטעריי.

מעכטיק איז ביי מיר דער שאָטן,
ווען דיין גליק איז נישט זייער גרויס.
אויף וויפיל איך אין דיר בין ניט געראָטן
מיט אַזויפיל שפּילסטו זיך אין מיר אויס.

גאָרגלען פלעשלעך זיך אין גלעזלעך
שלאָגן הענט זיך גלייך צונויף
ווערן בעקלעך רויט ווי נעזלעך
פייער גלאַנץ אין אויג פאַרלויפט

ציט אַקאָרדיאָן — רייסט אַריבער
שוואַנען האַלדז — איין און אויס
פלעכטן פיסלעך זיך בציבור
קניען איין — קניען אויס.

צווישן ראובן שטרובעלס פאַרבליבענע כתבים האָבן מיר געפונען אָנ־געוואָרפענע שורות פון ערב־לידער וואָס ער האָט פאַרצייכנט מיט אַ בלייפעדער — בלויז די ערשטע שורות — און זוי אַנט דער אויפ־בליק פון פּאָעזיע.

שמע ישראל!... (סקולפּטור און פאַרבען) שפרה שטרוזבעל.

נאַכט

שטילקייט.
די שטילקייט איז שוואַרץ
און אָנגעשפּאַנט אויף סטרונעס.
ערגעץ אינעם חלל ווייט,
האָט זי צעצאַפּלט זיך
אין הינטישן געוואָי
און געפּלאַצט איז זי מיטאַמאָל,
די פאַרעטערישע געבונדקייט
צו דער קייט.

פאַרריסן דעם קאָפּ צום לבנה־טעלער —
זיין קול — גרילציק־שפּיציק,
מיט האַלב־שטאַרבנדיקן אָפּהילך
אויף רוקנס פון דער שטילקייט,
דער געשפּאָלטענער.
די שוואַרץ־סאַמעטענע נאַכט,
קריכט אָטעמלאָז אויף אַלע פיר —
צו טויער און צו טיר...

טענער

שלאָגט מיך, שלאָגט מיך
כ׳וועל מיט טענער
הויכע ווי די הימלען,
טיפע ווי די תהומען
אייך מהנה זיין

שלאָגט מיך, שלאָגט מיך
כבין אַ סעיסמאגראַף
ניט איך באַשאַף די
סיבות, סיבות
שאַפן מיך...

צייט און שאַפ

מיר שפּאַנען באַוועלטע מיט אייליקער צייט —
זאָרגן יאָגן אונדז פון די היימען אַרויס.
צייט ווערט געבוירן און אין מידקייט פאַרגייט,
ווי ס׳פארגייט מיין זון אויף מיין קנאָכיקער שויס.

עס לויפן די טעג אַזוי שנעל דאָ.
זויגט מיין בלוט, מיין צייט אין מאַשינען זיך איין.
און מיר לויערט דער ליכטיקער שאַפונגס־באַניי —
מיין אייביקער חלום — פון זיין פריי.

אַ געוויטער אין שטעטל

די זון געזעצט זיך אין אַ ווינקל —
דאָרט ווי תמיד זי פאַרשווינדט.
פּלוצים איז געוואָרן אַזוי טונקל —
גענומען האָט בושעווען אַ ווינט.

אָט אַזוי האָט דער וועטער זיך געביטן
אין אַ זומערדיקן טאָג — אַ געוויסן —
ווען געוויטער האָט רו אויסגעמיטן
און פלאַכטעס אין לופטן געריסן,
זיינען חורבות אין ווינט געפלויגן,
פאַרשלעפּטע צו ענדלאָזע הויכן
ס׳האָט ביימער מיט די וואָרצלן געצויגן
אין די הימלען מיט שטויביקע רויכן.
אַן אוראַגאַן ווי אַן אויסגעגאָסענער בעכער
אַ געוויטער אין אַ בייזן צאָרן
האָט געלאָזט הייזלעך אָן דעכער
איז דאָס שטעטל האַלב חרוב געוואָרן.

אַ שלאַקס־רעגן האָט אָנגעהויבן גיסן —
געגאָסן אַזוי ווי פון עמערס.
וואַסער האָט אָנגעהויבן פליסן
און דערטרונקען די שאָף מיט די לעמערס.

אַ שרעקליכע מהומה פון ווייטע־ווייטן
אַ געוויטער האָט זיך מוראדיק פאַרשפרייט,
אַ מבול איז געקומען צו רייטן
און פאַרניכטונג און אומקום געזייט.

פלוצלעם האָט אַ פייער זיך צעכליפן,
ווי אַ וואָלפיש מיט אַן אָפענעם מויל —
צעצונדן און אָנגעגריפן
אַן אָפשיי געגן דעם דאָזיקן גרויל.

זיינען פייערלעשער צופליען געקומען
מיט גראַבליעס און העק אַלץ צושטערט
היימען און סטאָדעלעס צענומען
און פייערס־גאַנג פאַרווערט
אַ צעבושעוועטע כוואַליעס
אויף געסלעך ביים קנעכל פון שלאָס.
פון גאָט געשיקטע וואַקכאַנאַליעס
האָבן אַזויפיל שאָדענס דעמלט געלאָזט.
געווען איז ערשט בולט צו זען
ווען שטיל איז איינגאַנצן געוואָרן
אַז דאָס וואָס דעמלט איז געשען
וועט אין שטעטל בלייבן בזכרון.

צו מײַן פֿאָלק

דײַנע לײַדן דרינגען אין מיר טיף אַרײַן
און װעקן מיך אױף אין דער נאַכט;
רײַס איך דאַן איבער און שלאָף ניט מער אײַן.
כ'קוק אױף די שטערן, כ'טראַכט װאָס גאָט טראַכט.

מיך װעקט, מיך מאָנט, מיך לאָזט ניט אָפּ —
דײַנע יסורים, מײַן פֿאָלק, דײַנע װײַפֿולע טרערן,
מײַן לעבן — דײַן קרבן שטעל איך אײַן קאָן
פֿאַר בלוט־דורשט — נקמה! איך האַלט אין אײַן שװערן.

פֿאַר דיר מײַן פֿאָלק — דו העלד און מאַרטירער.
פֿאַר זײַן אַ ייד באַצאָלט מוז װערן!
אין די גאַז קאַמערן אױסגעהױכט צו װערן.
אױף אײביק ניט מער זיך גראָבן קײן גריבער

זײַ שטאַרק, האַלט אױס! האַמעװע דאָס בלוט!
װיל לעבן! װיל שטרעבן!
זאַמל אײַן דײַן לעצטע גבורה, דײַן ירושה מוט!
צו גליק, צו לעבן — מיט די לעצטע כוחות זיך אױפֿהײבן!

שלאָגט צוריק! שלאָגט צוריק!
אַן אײביקן טױט־קלאַפּ, פֿאַר װײטיק װאָס ברענט.
צוקונפֿטיקע דורות װאָס װעלן מאָנען אַ דין וחשבון
װעלן בענטשן די מענשן װאָס האָבן מיט הױלע הענט
געקעמפֿט אונטער פֿײַער־װענט

געשריבן אינם יאָר 1943

אין דיינע געהייליקטע וועגן.

גאָט, כ׳בין תמיד געגאַנגען אין דיינע געהייליקטע וועגן,
תהִלים אין שעה׳ן פון פאָרכטיקן טראַכטן געזאָגט;
טיף אין מיין האַרצן דיין אייביקן אמת מיר ווילט זיך דיך פרעגן,
דיין אמת, אָ גאָט, וואָס ברענט ווען ס׳נאַכטיקט און טאָגט.

אין דראַנגען אָן אויפהער — מיין צער אין דערוואַרטונג און האָפן
פארלאָקט מיך צוטראָגן — די פיינען און ליידן אין לעבן.
די קווענקעלדיקע טריט — ליידיק, זע, כ׳שטיי אָפן —
כ׳וועב זיך און וועב און ווער ניט פארוועבן.

טראָג איך באהבה מיין צער עניוותדיק איבערטריבקייט פון
האַרצן — זי שפּיזט זיך אַרויס.
ניט איך ווייז זיך פאר מענשן — אַ כמורנער אַ טריבער
איך פייניק זיך אין דער שטיל אַ שטילינקער אויס.

ביאגראפישע שטריכן

ראובן שטרובעל איז געבוירן דעם 4־טן מאי 1913 אין בענדין פוילן, ביי פרומע עלטערן. ווי דאָס רוב יידישע קינדער אין זיין צייט האָט ער געלערנט אין חדר און „פּאָוושעכנע" שולע. אָנהויבענדיק אַרבעטן ביי שניידעריי, האָט זיך ביי אים צעפלאַקערט דער דראַנג צום וויסן און מיט גרויס חשק זיך גענומען צו זעלבסט בילדונג.

אין זיין הייזשטאָט בענדין איז ער געווען געזעלשאַפטליך אַקטיוו און מיט אינטערעס צו יידישער קולטור און ליטעראַטור. לידער האָט ער אָנגעהויבן שרייבן בעת דער פאַרשיקונג אין רוסלאַנד און בעיקר נאָכן קריג. זיי שפּיגלען אָפּ דעם געמיט צושטאַנד פון אַ מענטש אין די דאָזיקע פינסטערע צייטן און זיין האָפענונג פאַר בעסערע טעג.

האָט ער דערלעבט צו אַ בעסערע צייט?

צוזאַמען מיט פיל טויזנטער איז אויך שטרובעל געלאָפן זיך ראַטעווען פון די נאַצישע נעגל. מ'איז געלאָפן וואו די אויגן האָבן געטראָגן. ער האָט פאַרלאָזן בענדין און איז אַריבער די רוסישע גרענעץ האָפנדיק צו ראַטעווען די נשמה. צוזאַמען מיט פיל טויזענטער האָט ער דורכגעלעבט די „מגלת רוסלאַנד". ווי פיל אַנדערע האָט ער איבערגעלעבט די שרעק פאַר דער „ענקאַוועדע". מ'האָט געוואָרפן אויף אים אַ חשד אין „נישט לאָיאַלקייט" צום רעזשים און ער איז געווען עטליכע מאָל אַרעסטירט.

ווען די מלחמה האָט זיך געענדיקט האָט ער זיך אויפגעהאַלטן אין אַ שטעטל נעבן קווישעוו, דאָרט האָט ער זיך באַקענט מיט זיין שפּעטערדיקע פרוי, אויך אַן אַנטלאָפענע פון ראָוונע. וועלכע האָט געמאָלן דעקאָראַציעס פאַר אַ רוסישע טעאַטער טרופּע. אין 1944 ווען רוסלאַנד האָט באַפרייט די פּוילישע בירגער, איז ער געפאָרן קיין פּוילן און פון דאָרט קיין זאַלצבורג, עסטרייך, שפּעטער קיין מינכען, קומענדיק דורכן „האַיאַס" קיין אַמעריקע אין 1950.

זייענדיק אין דייטשלאַנד, האָט ער זיך באַטייליקט אין דער יידישער פרעסע פון דער שארית־הפליטה.

ווען דער בלוטיקער שטראָם האָט זיך אָפּגעשטעלט און די לעבנגעבליבענע האָבן זייער פרייהייט צוריק באַקומען, האָבן

זיי ערשט דערפילט — און שטרובעל צווישן זיי — זייער איינזאַמקייט. זיינע עלטערן, אַ ברודער און אַ פאַרצווייגטע משפחה האָבן זייער לעבנס וועג פאַרענדיקט אין אוישוויץ. נישט געבליבן קיין היים, קיין משפחה, נאָר אַ קאַלטע וועלט מיט איין שטיקל האָפנונג: דאָס יידישע לאַנד. „די אָבות׳דיקע ערד״, „וואו קיין שונא אין וועלט וועט אונז מער שוין נישט קענען צעשטערן״.

די שווערע איבערלעבונגען אין די היטלער יאָרן, די ליידן און וואָגלענישן איבער די שליאַכן אין רוסלאַנד האָבן אים פיזיש צעבראָכן און געלאָזן טיפע שפורן אין האַרצן פון שטרובלען. ער, דער קרבן פון דער היטלער־מגפה האָט מיט אַלע חושים געזוכט זיך אַריינפּאַסן אין נייעם לעבן נאָך דער באַפרייונג.

ראובן שטרובעל בטבע אַ פאַרשלאָסענער אין זיך האָט געגעבן אויסדרוק זיינע געפילן אין זיינע לידער. לידער פון אַנ׳אָנפאַנגער, אָפט האַלב דערזאָגטע אָבער מיט אַ דראַנג צו געבן מער אויסדרוק. זיינע שפּעטערע לידער זענען דערפאַר אַ שריט ווייטער. אַנ׳אומעט און האָפנונג, צער און אויך באַגערטע פרייד מישן זיך צוזאַמען און זוכן אויסדרוק. ער האָט אַנ׳אויג צו באָבאַכטן און שילדערן. זיינע לידער זענען געווען פאַרעפנטלעכט אין אַ ריי זשורנאַלן אין ניו יאָרק, בוענאָס־איירעס, פאַריז און לאָנדאָן.

זיינע לידער זענען אַ ווידערקול פון אַ טראַגישע עפּאָכע. מיר זעען עס ביי כמעט אַלע יידישע דיכטער וואָס האָבן דורכגעמאַכט דעם נאַצי־גהינום. אַזוי מורא׳דיק טיף האָט דער עבר איבערגעלאָזן שפורן אין זיי. ווי זאָגט שטרובעל אין „טענער״: „ניט איך באַשאַף סיבות, סיבות שאַפן מיך״.

אַ באַשיידענער, אַ שטילער מיט אַ דראַנג פאַר דיכטערישן אויסדרוק, איז ער אין פריען עלטער געשטאָרבן נאָך אַ שווערער נירן־קראַנקהייט.

די לידער זאַמלונג פון ראובן שטרובעל איז אַנ׳עדות פונם לעבן און געראַנגל פון אַ יונגן ייד, אַנ׳עדות פון אַ טראַגישער צייט וואָס האָט איבערגעלאָזן טיפע צייכענס אין דעם לעבן פון אַ מענשן.

יונג און פול מיט געראַנגל אין זיין היינט און אין זיין מאָרגן, עפּעס ווי ער וואָלט געאַנט זיין גורל. אַ טיפער אומעט אין זיינע שורות און אַ דראַנג זיי צו דיכטען. ער זאָגט: „אַפילו שטאַרבענדיק צו זינגען מיר באַשערט״.

ש. גרינשפאַן

אונהאַלט

דער נאָך־נישט צעעפנטער קנאָספּ

אַריינפיר וואָרט פון דוד ראַפּאָפּאָרט 5

באַשערטקייט 7

פון רחבותדיקן שניט 8

ווינטן 8

מיין דראַנג 9

טאָג ביי טאָג 10

כ׳בין היינט אַ גערטנער 10

ים שטורם 11

אין בהלה 12

מיין היים־שטאָט בענדין 13

אבותדיקע ערד 15

אַנטוישונג 16

צייט 17

באַגינען 18

דאָס קאָלייקעלע אין וואַלד 19

איך פארליר אייך 20

אויפן הימל 21

אויפלעבונג 21

שורות פון לידער אין געבוירן ווערן 22

שמע ישראל! (סקולפּטור און פאַרבן) שפרה שטרובעל 23

נאַכט 24

טענער — צייט אין שאַפ 25

אַ געוויטער אין שטעטל 26

צו מיין פאָלק 28

אין דיינע געהייליקטע וועגן 29

ביאָגראַפישע שטריכן פון שלמה גרינשפּאַן 30